פערלאג „קאמפף“.

ק. קאוטסקי.

דער קאמפף פון די נאציאנאליטעטען
און דאס שטאאטס־רעכט אין עסטרייך.

ווילנא.
דרוקעריי וויטווע עט געברידער ר אָ ם
1906.

Борьба національностей и государственное право
въ Австріи.

ВИЛЬНА.
Типографія Вдовы и братьевъ Роммъ.
Уголъ Духовскаго и Глухого пер. соб. домъ № 1/2
1906.

1,

אין גאנץ אייראפע וועט זיך ניט געפינען נאך איין מדינה, וואס איהר פאליטישע לאגע זאל זיין אזוי פערפלאנטערט, ווי די לאגע פון דער קעניגרייך פון די האבסבורגער [1]. אין טערקיי אפילו איז דער פאליטישער מצב ניט אין אנ'ערך קלערער.

נאך גאר ניט לאנג איז דער רייכסראט (דער עסטרייכישער פארלאמענט) געווען ניט ווייט אבגעשטאנען פון אנ'אמתען דול-הויז. א קליינע און נישטווערדיגע סבה האט אריינגעבראכט ביידע צדדים פון רייכסראט אין א ווילדע משוגעת [2] און האט זיי אזוי צורייצט, אז ס'האט זיך געמוזט אבשטעלען די גאנצע פארלאמענטארישע רעדעל; און דער 1898 יאהר — דער פופציגיעהריגער יובילעי ניט נאר פון דער מערץ-רעוואלוציע, נאר אויך פון

1) די פאמיליע פון דער דינאסטיע, וואס קיניגט אין עסטרייך

2) דא רעדט זיך וועגען דער פעראָרדנונג פון דעם מיניסטער באדעני וועגען דעם, אז ביידע שפראכען, אי די דייטשע אי די טשעכישע, זאלען זיין גלייכבערעכטיגט אין בעהמען. די פעראָרדנונג האט ארויסגערופען א מורא'דיגע מהומה אין גאנץ עסטרייך. די פעראָרדנונג האט ארויסגערופען א שרעקליכע אונצופרידענהייט מיט איהר אינהאלט ביי דער דייטשער עסטרייכישער בעפעלקערונג, וועלכע וויל דורכאויס זיין די הערשענדע, וועלכע וויל אין אלע דריקען די סלאווישע פעלקער אין עסטרייך און איבערהויפט די טשעכען. די פעראָרדנונג האט אבער אויך געבראכט צו צוזאמענשטויסונגען פון די מאסען מיט די פארשטעהער פון דער רעגירונג דורך איהר פארם — דורך דעם, וואס די גלייכבערעכטיגונג פון די שפראכען איז דורכגעגאנגען ניט אלס א געזעץ, וואס איז אנגענומען געווארען אין פארלאמענט פון די פעלקס-פארשטעהער, נאר אלס א פעראָרדנונג פון מיניסטער, וועלכער האט זיך בענוצט מיט דער רעגירונגס-מאכט געגען דעם ווילען פון דעם רייכסראט.

דער איבערזעצער.

פראנץ־יוסף׳ס קיניגען, וואס האט לכתחלה געגעבען האפנונגען אויף פאלקאמען שלום, — האט זיך אויסגעצייכענט מיט אנ׳איפ־שטאנד אין וויען, מיט איינפיהרען קריגס־צושטאנד אין פראג און מיט צומאכען דעם פארלאמענט.

און דער גאנצער רעש נעהמט זיך כך הכל איבער׳ן בעפעהל מכח די שפראכען, ריכטיגער, איבער דער שאלה: צי זענען די 200 בעאמטע, וועלכע וואויהנען אין בעהמען, מחויב צו פערשטעהן דייטש אדער ניט? אודאי האט שלעכט געווירקט דאס, וואס די שפראך־פראגע איז געלעזט געווארען ניט דורכ׳ן געזעץ, נאר דורך א פעראָרדנונג פון א מיניסטער; ס׳איז אויך אן אמת, אז דער בעפעהל איז אין געוויסע היגזיכטען צו שטרענג, — אין עסטרייך אבער איז מען דאך געוואוינט רוהיג פערהאלטען זיך אי צו ערגערע מעשים, מיט וואס־זשע ערקלערט זיך אזא פלוצליכע אומזיניגע מלחמה, וועלכע האט זיך אזוי בלוטיג געפיהרט?

די דאזיגע מלחמה איז נאר דאמאלס פערשטענדיג, ווען מען בעטראכט דעם בעפעהל מכח די שפראכען ניט ווי א סבה, נאר ווי א סיגנאל צו די אלע געפעכטען, וועלכע זענען ניט לאנג פארגעקומען. די סבה׳ת זייערע ליגען אבער אסך טיפער. מ׳קען ניט ערקלערען די איצטיגע לאגע פון עסטרייך נאר מיט דער טאקטיק פון באדעני. די „אייזערנע האנד" האט, פערשטעהט זיך, פיעל מיטגעהאלפען צו פערשארפען די עקסיסטירענדע היפוכים, נאר ניט זי האט די היפוכים געשאפען, און דעריבער האט די בעזייטיגונג פון באדעני, ווי נויטיג עס איז ניט געוועזען, ניט געקענט לייכטער מאכען דעם מצב. באדעני׳ס דימיסיע האט פריינגעמאכט אנ׳ארט פאר א רעגירונג מיט א פראגראם, וואס האט ארויסגעפיהרט עסטרייך פונ׳ם טומפען ווינקעל, אין וועלכען זי איז פערקראכען; אין דער זעלבער צייט אבער האט זי בעוויזען, אז אויף אזא מין רעגירונג זענען די הערשענדע קלאסען און פארטייען קנאפע בעלנים. די סבית פון דער איצטיגער לאגע בעשטעהען ניט אין א פאלשען „גאנג", אדער אין דער אומפעהיגקייט פון א מיניסטער, זיי ליגען אסך טיעפער. זיי זענען אם שטייפסטען צוזאמענגעבונדען מיט דער אייגענארטיגער ענטוויקלונג פון די נא־ציאנאליטעטען און קלאסען אין עסטרייך.

קודם כל, לאמיר זיך פרובען אנצייכענען אין אלגעמיינע שטריכען דעם ענטוויקלונגס־גאנג פון די נאציאנאליטעטען.

די היינטיגע נאציאנאלע אידעע, וועלכע וואקסט אינאיינעם מיט׳ן וואוקס פון היינטיגען שטאאט, איז ניט קיין פוסטער מיראוש, ניט קיין האלוצינאציע פון קראנקע מחות (ווי עס ב. היפשטעט איין קריטיקער פונ׳ם „צו איינזייטיג מאטעריאליסטישען" מארקסיזם) —זי ליגט טיעף בעהאלטען אין די בעדערפניסען פון די פעלקער. די וויכטיגסטע פאקטארען פון איהר ענטוויקלונג זענען, ווי מיר רעכענען, דריי:

ערשטענס, די בעדערפניס פון דער בורזשואזיע, בפרט פון דער, וועלכע שאפט די סחורות, צו בעווארענען פאר זיך דעם אינערליכען מארק און די מעגליכקייט פערברייטערען דעם אויסערליכען. דיזע בעדערפניס פיהרט צו אבצאמען זיך פון אויסען און צו אנגעהמען צוזאמען מיטלען געגען אלע אויסלענדישע קאנקורענטען. אם בעסטען קען דיזע בעדערפניס בעפרידיגט ווערען דורך א נאציאנאלע מדינה; דארט אבער, וואו אין איין מדינה לעבען צוזאמען פערשיעדענע נאציעס, פערבייטען די שפראך־גרענצען אין א געוויסען מאס די אבצאהלונגס גרענצען: די שפראך איז דאך דער וויכטיגסטער פערקעהרס־מיטעל. אבצאמען און פערברייטערן די שפראך געגענד, אויסשליסען פון איהר די קאנקורענטען, וועלכע רעדען אויף אנ׳אנדער שפראך, קען דיענען צום בעווארענען דעם אינערליכען מארק, פונקט ווי אין אנ׳אנדער ארט די גרייס און די אומאבהענגיגקייט פון דער נאציאנאלער מלוכה.

דער 2־טער פאקטאר פון דער היינטיגער נאציאנאלער אידעע איז די שטרעבונג צו פאליטישע פרייהייט, צו דעמאקראטיזם. מיר וועלען דא ניט ארומרעדען די עקאנאמישע יסודות פון דער דאזיגער שטרעבונג, וועלכע האט זיך מיט א קראפט ארויסבעוויזען אין אלע קולטורעלע לענדער אין משך פון לעצטען יאהרהונדערט. דאס איז א שטרעבונג צו׳ם פולען סובערעניטעט פון פאלק, וועלכער וויל פריי בעשטימען זיין מזל און ווידערשטעהן יעדען אויסערליכען צוואנג, פון וואנען עס זאל ניט שטאמען: פון א איינצעלנער פערזאן, פון א קלאס אדער פון א פרעמדער נאציע.

דער דריטער פאקטאר פון היינטיגע נאציאנאלע שטרעבונגען

איז, נאך אונזער מיינונג, די פערשפרייטונג פון נאציאנאלער בילדונג, פון נאציאנאלער ליטעראטור אין די פאלקס־מאסען. דאס לעצטע איז א האראקטעריסטישער צייכען פון נײנצעהנטען יאהרהונדערט. ביז דיזער צייט בעמערקען מיר אומעטום א פאלקס־פאעזיע און א געוויסען סכום ידיעות, וועלכע נעהמען איבער בעל פה פון דור צו דור און טרעטען ניט אריבער די גרענצען פון דער דארפישער אדער שטעדטישער קהלה. אין דער זעלבער צייט בעגעגענען מיר נאך א ליטעראטור, וועלכע איז אבער נאר א מין פריווילעגיע פון ווייניגע אריסטאקראטען און בלייבט לחלוטין פרעמד דעם פאלקס־לעבען איך אזוי פיעל, אז במשך פון א לאנגער צייט בעניצט זי זיך מיט פרעמדע שפראכען און טראגט איבערהויפט א אינטערנאציאנאלען תאראקטער. אין דעם 19־טען יאהרהונדערט הייבט אן ארויסגעשטויסען ווערען פון דער ליטעראטור די לאטיינישע שפראך, וועלכע האט פערנומען אלס אלגעמיינע ליטעראַרישע שפראך דעם ערשטען ארט (דעם צווייטען ארט האט פערנומען די פראנצויזישע שפראך). די ליטעראטור בעקומט אלץ מעהר א נאציאנאלען תאראקטער, די ליטעראטור ווערט געשאפען אין די נאציאנאלע שפראכען: אזוינס אבער קומט פאר נאר אין די גרענצען פון גרויסע נאציעס מיט א געבילדעטער בורזשואזיע. די קליינע, ווי אויך די עקאנאמיש אבגעשטאנענע פעלקער זענען ניט געווען בכח אופהייבען זייער גייסטליכען לעבען ביז דער מדרגה פון אן אייגענער ביכער־ליטעראטור: דערצו האבען זיי ניט געקענט ליפערן ניט קיין מחברים ניט קיין גענוגען צאהל לעזער.

אין 19 טען יאהרהונדערט ווערט די שוהל־בילדונג פון די מאסען אן עקאנאמישע נויטווענדיגקייט. דאס עקאנאמישע און פאליטישע לעבען צווינגען די מאסען צונויפבראגען זיך מיט ווייטערע געגענדען. צוזאמען מיט דער ביכער־ליטעראטור ענטשטעהט א גאזעטען־ליטעראטור, און זיי ביידע דרינגען אריין אין אלץ טייפערע און טיעפערע שיכטען פון פאלק. א דאנק זיי ערשיינט אויך ביי די קליינע נאציעס אן אייגענע ליטעראטור, קודם כל א צייטונגס־ליטעראטור. אין עצם איז איהר ווערטה גאנץ קליין, זי רייניגט אבער אב דעם בארען פאר העכערע פארמען פון אריגינעלער נאציאנאלער ליטעראטור און פיהרט צו'ם ערשטען אריין אין

בעוואוסטזיין פון די מאסען דאס געפיהל פון געמיינזאמקייט בנוגע צו זייער שפראך און אויך צו זייער נאציאנאלער בעזונדערהייט.

דיזע אלע יסודות פון דער נאציאנאלער בעוועגונג און אונזער צייט ווארצלען זיך טיעף אין די ענטוויקלונגס־טענדענצען פון דעם איצטיגען געזעלשאפטליכען לעבען. היסטאריש זיינען זיי פאלקאם געזעצליך, און קינסטליך שטערען זייער וואוקס איז אלץ איינס, ווי שטעלען א וואנד פאר דער סאציאלער ענטוויקלונג.

צו א זעלכע מיני נאציאנאלע בעוועגונגען איז דער פראלעטאריאט ניט נאר ניט פיינדליך געשטימט, פערקעהרט, ער איז נאך דירעקט פעראינטערעסירט אין זייער גינסטיגען וואוקס. דער קאמפף צווישען די נאציעס איז ניט קיין נאטירליך נויטווענדיגער רעזולטאט פון די נאציאנאלע בעוועגונגען, אפילו דארט וואו איינינע נאציעס וואוינען צוזאמען אין איין מדינה, — דאס האט בעוויזען קלאר דער ביישפיעל פון שווייץ. ס'וואלט געווען זעהר ווילד און משוגה'דיג — אננעהמען דעם היינטיגען נאציאנאלען קאמפף אין עסטרייך פאר א קאמפף פון די ראסען פאר זייער קיום, אנערקענען דיזען קאמפף פאר א געזעץ פון דער נאטור און איינזעהן אין די פאליטישע מכחרים פון די „יונגטשעכען" מיט באדעני, אדער אין דעם ליארט פון דעם תם'עוואטען וואלף די ערשיינונג פון נאטור־קרעפטען.

אויך רעכענען מיר פאר ניט ריכטיג די השערה, אז דער נאציאנאלער קאמפף אין עסטרייך, זעענדיג א פראדוקט פון די היינטיגע נאציאנאלע שטרעבונגען, וועט ניט אויפהערען, כל זמן עס וועט האבען א קיום זעער איצטיגער נאציאנאלער בעוואוסטזיין. מיר, להיפך, זעהען די הויפט־סבות דערפון, וואס די נאציאנאלע שטרעבונגען האבען אנגעצונדען אזא שרעקליכען און אומזיניגען פייער פון מחלוקת — אין דער אבגעשטאנענהייט פון דער עסטרייכיי־אימפעריע, און איהרע פעאדאלע און אבסאלוטיסטישע חורבות. דער איינציגער מיטעל, וועלכער קען, לויט אונזער מיינונג, מאכען א סוף צו דיזער מחלוקת, איז — אויסראמען, מבער זיין אלץ, וואס איז נאך געבליבען פון פעאדאליזם און אבסאלוטיזם.

עסטרייך איז נאך היינט ניט דערוואקסען צו דער מדרגה פון א היינטוועלטליכער איינהייטליכער מדינה. בעצם איז זי נאך

עד היום א סכום פון גרויסע און קליינע מלוכות, וועלכע זיינען פעראייניגט דורך איין שותפות'דיגע טעריטאריע און זענען צווישען זיך צונויפגעבונדען מעהר ניט ווי דורך דער דינאסטיע.

אזוי איז אהן א שום ספק געווען די לאגע ביז דער צווייטער העלפט פון פאריגען יאהרהונדערט. מאריע טערעזיא איז געווען א קעניגין פון אונגארן, א קעניגין פון בעהמען, א הערצאגין פון שלעזיען וכדומה, נאר ניט קיין מלכה פון איין גאנצער מדינה. זי האט זיך אפילו געפרובט בעשאפען א מעהר איינארטיגע מדינה־פערוואלטונג, נור ערשט איהר זוהן יוסף II האט געמאכט א ענט־שלאסענעם נסיון בעשאפען א ריין מאנארכיע, מבטל זיין די שטאנדעס־פריווילעגיעס אין איינצעלנע לענדער און אונטערטעניגען די גאנצע פאלקס־מאסע דער הערשאפט פון איין און דער זעלבער ביוראקראטיע און ארמעע. זיין רעגירונג איז אבער געווען א דייטשע, ניט נור מצד די דינאסטיע, וועלכע האט בעזיצט דעם דייטשען קעניגליכען טיטול, נאר אויך דורך דעם, וואס כמעט אין גאנצען לאנד זענען די אינטעליגענץ און די בורזשואזיע, די נייע העכערע קלאסען, און וועלכע ס'האט זיך געניטיגט דער „געבילדעטער דעספאטיזם", געווען דייטשע. יוסף II האט זיינם אבער ניט אויסגעפיהרט: דער פעאדאלער פארטיקולאריזם איז געווען מעכטיגער פון איהם. ערשט די פראנצויזישע רעוואלוציע האט נעהענטער געמאכט עסטרייך צום אידעאל פון א איינהייטליכער מדינה. זי האט ערשיטערט די גער־מאנישע אימפעריע. פראנץ II האט זיך ענטזאגט פון איהר קרוין, וואס איז שוין סיי ווי סיי גארנישט ווערטה געווען, און האט אנגענומען דעם טיטול „אימפעראטאר פון עסטרייך" (אין יאהר 1804). דאס ניי געשאפענע עסטרייך האט עקזיסטירט ניט מעהר פון זעכציג יאהר. אין יאהר 1867 ווערט זי שוין מגולגל אין עסטרייך־אונגארישע מאנארכיע, פון וועלכער איין טייל הייסט אונגארן, און דער צווייטער: „פערטראטענע אין רייכסראט קעניג־רייכען און קרוינלענדער". דיזער נאמען אליין בעווייזט שוין, אויף ווי פיעל עסטרייך איז ווייט פון דעם, אז זי זאל זיין אנ'איינהייט־ליכע מדינה פון דער נייער צייט.

אין מעטערניך'ס צייטען איז דער צענטראליזירטער אבסאָ־לוטיזם דערגאנגען ביז דער העכסטער מדרגה. די בעזונדערע

„מלוכות אין לענדער“ האט צוזאמענגעבינדען ניט דער דרייסטער, מענשענפריינדליכער, פראגרעסיווער דעספאטיזם פון יוסף II, נאר די אונזיניגע און ווילדע סיסטעם פון פאליציישען שפיאנאזש, פאליציישער אפוטרופסות און דרוק.

געגען דיזען אונערטרעגליכען דרוק זענען אין דער ערשטער העלפט פון 19־טען יאהרהונדערט אויפגעשטאנען איינער נאכ'ן אנדערן אלע פעלקער פון עסטרייך. די איבערגעבראכטע פאקטארען האבען אין זיי ערוועקט א נאציאנאלען געפיהל, א שטרעבונג צו נאציאנאלע אונאבהענגיגקייט און אחדות און האבען ארויסגערופען א נאציאנאלע בעוועגונג, וואס קיין שום קראפט האט זי ניט געקענט אבשטעלען. זיי אלע האבען געדארפט שטרייטען מיט'ן עקסיסטירענדען אבסאלוטיזם, ווי מיט זייער נאהענטסטען שונא, נור ניט אלע האבען עס געטהון ווי געהעריג.

צווישען די גרויסע מדינה־טיילען פון עסטרייך זענען די סאמע אבגעשטאנענע אין עקאנאמישען הינזיכט געוועזען—אונגארן און גאליציען. מחמת דעם האט אי דא אי דארט עקסיסטירט צוזאמען מיט'ן ביוראקראטישען הויף־אדעל אויך א שטארקער און בעדייטענדער אדעל פון גוטס־בעזיצער, וועלכע האבען שטארק געפיינקט נאך יענער גאלדענער צייט, ווען די לייצעס האבען זיי געהאלטען. זיי האבען געחלום'ט פון א נאציאנאלע מלוכה, וועלכע האט בעדייטעט אין אונגארן—ניט נאר די אומאבהענגיגקייט פון די מאדיארען, נאר אויך זייער הערשאפט איבער די קראאטען, רומעניער, סלאווענער, דאס גלייכען אין פוילען—די הערשאפט פון די פאליאקען איבער די רוסינען און דייטשען. די רעאלע יסודות פון דער היינטיגער נאציאנאלער בעוועגונג זענען געווען אויך דורכגעדרונגען מיט משונה'דיגע פעאדאלע זכרונות. כל זמן די בעוועגונג איז געווען אין עצם אפאזיציאנעל, איז אין דער ערשטער שורה געשטאנען די בעפרייאונג פון דער איינענער נאציאן, בפרט אז אזא מין בעוועגונג האט געפינען א שטארקען מיטגעפיהל ביי דער מערב־אייראפעאישער דעמאקראטיע. ס'איז אבער געווען גענוג יעדער קלענסטער ערפאלג פון דיזער נאציאנאלער בעוועגונג, צו אבווייזען און אבשטעקען איהר דעמאקראטישע פארב און אויפדעקען איהרע רעאקציאנערע יסודות. אין דעם קאך פון דער אלגעמיינער רעד־

אקציע (פון 1815 ביז 1845 יאהר) איז דער רעאקציאנערער כאראקטער פון דער בעוועגונג, פערשטעהט זיך, וועניג קענטיג געוועזען. דער עסטרייכישער אבסאלוטיזם האט ניט געהאט כּח אפילו אויף איין מאמענט דערשטיקען אונגארן; און דער אונגארישער רייכסטאג, וועלכער האט זיך געהאלטען נאך פון די פעאדאלע צייטען, איז דאמאלס געוועזען איינער פון יענע וועניגע ערטער אין אייראפּע, אין וועלכען עס האט זיך אפען פּראקלאמירט דאס רעכט פון פעלקער אויף פרייהייט און זעלבסטפערוואלטונג.

די דייטשע נאציאנאלע בעוועגונג איז אויך פול מיט היפּוכים און סתירות, ניט וועניגער ווי די אונגארישע און פּוילישע.

אויבען האבען מיר שוין געזעהן, אז די דייטשען זענען אין עקאנאמישען זין געוועזען ניט נור די פּראגרעסיווסטע נאציע פון עסטרייך, נאר זיי האבען אויך געבילדעט די בורזשואזיע און דאס רוב אינטעליגענץ פון די ניט דייטשע נאציעס; א חוץ דעם זענען זיי געוועזען די איינציגע נאציע, וועלכע איז געוועזען זעהר נאהענט צו די פּאליטישע און ליטערארישע שטרעבונגען פון פּראגרעסיווען מערב. וככן, זענען די דייטשען געוועזען די ווירקליכע פארשטעהער פון בורזשואזען ליבעראליזם, די פּראגרעסיווסטע נאציע פון דער מאנארכיע.

נאר, צוגלייך מיט די אונגארן און די פּאליאקען, האבען זיי פערנומען א פּריווילעגירטע לאגע (בנוגע צו די איבריגע נאציעס). די לאגע איז געוועזען אלץ זיכערער און בעסער, אלץ גרינגער איז זי געוועזען איינצוהאלטען, וואס נעהענטער עסטרייך איז געוועזען צום אידעאל פון א צענטראליזירטע איינהייטליכע מדינה. דעם אידעאל האט מען פּראקטיש געקענט דערגרייכען, נור אונטערדריקענדיג יעדער נאציאנאלע זעלבשטענדיגקייט פון אנדערע פעלקער, נאר דורך דער אבסאלוטער הערשאפט פון דער דייטשער ביוראקראטיע, דייטשער ארמעע, דייטשער פּאליציי. און די זעלביגע דייטשען, וועלכע האבען אזוי ענטשלאסען געקעמפט מיט'ן אבסאלוטיזם, ווען ער פלעגט אנריהרען זייער נאציאנאלען געפיהל, פלעגען איהם געבען זייער פולע הסכמה, בעת ער פלעגט אונטערדריקען אנדערע פעלקער. די נאציאנאלע בעוועגונג פון דער דייטשער עסטרייך איז אויך געוועזען ניט דורכאויס פּראגרעסיוו: איהר אידעאל איז

געלעגען א הינטער: פערשטעהט זיך, ניט אין פאראלעלען עבר, נאר אין דעם בליהונגס־פעריאד פונ'ם אבסאלוטיזם. מיט יוסף II'ס נאמען איז פאר דער דייטשער ליבעראלער בורזשואזיע געווען פערבונדען ניט נאר אנ'אנגענעהמע און געאכטעטע ערינערונג פון עבר, נאר אויך א פראגראם פאר דער צוקונפט.

די לאגע פון די ניט פוילישע סלאווען, אין פערגלייך מיט'ן מצב פון די דייטשען, מאדיארען און פאליאקען, איז געווען גאנץ אנדערש. מיר מיינען דא אונטער די סלאווישע פעלקער נאר די טשעכען, די וויכטיגסטע סלאווישע נאציאנאליטעט. די טשעכען, ווי די סלאווענער, קראאטען און רוסינען בילדען דעם הויפט־טייל פון דער אונטערדריקטער מאסע פון דער בעפעלקערונג*). זייער אונטערדריקטער מצב איז ניט געווען קיין צופעליגקייט. די דאזיגע נאציעס האבען ניט געהאט קיין הערשענדען קלאס. זיי זענען בעשטאנען אויסשליסליך פון קליינבירגער, פויערים און דעם ענטשטעהענדען פראלעטאריאט. די הערשענדע קלאסען פון דער טשעכישער נאציאן אין בעהמען זענען פערניכטעט געווארען אינ'ם פעריאד פון „דרייסיג־יאהריגען קריעג' דורך דער האבסבורגער קאנטר־רעפארמאציע, און זייער ארט האבען פערנומען דייטשען — דייטשער אדעל, דייטשע העכערע גייסטליכקייט, דייטשע בורזשואזיע.

די פאקטארען, וועלכע זענען אנגעוויזען אין אנהויב פון דיזען קאפיטעל האבען אויך בעשאפען צווישען די סלאווישע פעלקער, איבערהויפט צווישען די טשעכען, א נאציאנאלע בעוועגונג, וועלכע איז געוואקסען אהן אנ'אויפהער. די הויפט־טרעגער פון דיזער בעוועגונג זענען געווען די קליין־בירגער און די פויערים, און זייער סאציאלער כאראקטער האט זיך אויסגעדריקט אין דער בעוועגונג. אלס א בעוועגונג פון קליין־בירגערטום און פויערטום האט זי געמוזט זיין א דעמאקראטישע, דעמאקראטישער, לויט איהר אינהאלט, איידער די בעוועגונגען פון דער דייטשער ליבעראלער בורזשואזיע און פון די פוילישע און מאדיארישע „רעוואלוציאנערע" אגראריער; אלס א קליין־בירגערליכע אבער, האט זי געמוזט זיין נאך מעהר ניט קיין שטענדיגע, קוואנקלענדע, ווענינער פעסטע, איידער די איבערי־

---

*) דא באטראכטען מיר ניט די רוטענער און איטאליענער, וועלכע שטעלען ארויס נאך אנדערע אויפגאבען.

נע אויבענדערמאנטע נאציאנאלע בעוועגונגען. א קליינבירגער איז, ווי בעוואוסט, א פערקערפערטע סתירה — א האלבער קאפיטאליסט, א האלבער פראלעטאריער. זיין לאגע אין דער היינטיגער מלוכה איז אויך פול מיט היפוכים: אין פאליטיק דארף ער בטבע זיין א דעמאקראט, ווייל נאר ביי דעמאקראטישע אנשטאלטען קען ער בעשיצען זיינע אינטערעסען; ווען די מלוכה־פערוואלטונג טראגט א כאראקטער פון אבסאלוטיזם מוז ער זיין א רעוואלוציאנער. פון דער אנדערער זייט אבער, טרייבען איהם זיינע עקאנאמישע אינטערע־סען זוכען זיינע אידעאלען אין עבר, און ער ווערט נאטירליך־נויטהווענדיג א רעאקציאנער. ער פיהלט זיך אז אלס קאפיטאליסט, אז אלס פראלעטאריער, אז אלס רעוואלוציאנער און אז אלס רעאקציאנער. מ'דארף זיך נור פארשטעלען א בעוועגונג, ארויסגע־רופען פון א קלאס, וואס איז אזוי רייך אין סתירות, און ביי די פיל־ווידערשפרוכליכע תנאים פון עסטרייך! קיין שום נאציאנאלע בעוועגונג ענטוויקעלט זיך ניט מיט אזעלכע ווידערשפרוכען ווי די בעהמישע! זי איז גרייט אין איין און דערזעלבער צייט שווערען ברייהייט דער ראדיקאלסטער דעמאקראטיע אין אינערליכער פאליטיק און דעם צארישען דעספאטיזם — אין אויסערליכער; היינט אויפשטעהן אלס פריי געדאנקענע אין רעליגיעזען זין און מארגען געהן האנד ביי האנד מיט די יעזואיטען; היינט בילדען די שטארקסטע שטיצונג דער פרייהייט, און מארגען בעטען פאליציאנישע טובות דעם אבסא־לוטיסטישען רשעים; היינט זיין געגען דער מלוכה, און מארגען — שקלאפיש איהר אונטערגעבען זיך.

דערפאר איז קיין חידוש ניט, וואס דיזע בעוועגונג האט אויך געזוכט איהר אידעאל אין פערגאנגענהייט. די קליין בורזשואזיע אלס א קלאס, וואס זיין גלענצענדער פעריאד איז שוין פערביי, איז פון לאנג־אן נוטה צו אידעאליזירען דעם עבר און זוכען איהר אידעאל אין די „אלטע, גוטע צייטען". ניט ווייניגער פון קליינבירגער־טום זיינען דערצו אויך נוטה די היסטאריקער און יוריסטען פון די קרייזען, פון וועלכע עס ליפערן זיך דאס רוב מנהיגים פון דער טשעכישער נאציאנאלער בעוועגונג. זייער שטייגער איז בעגרינדען זייערע פאדערונגען אויף די אלטע פארצייטיגע מלוכה־רעכט. די דייטשע פראפעסארען און אדוואקאטען זעהען דאך אויך איין אין דער איינהייט פון דייטשלאנד ניט קיין נויטהווענדיגען רעזולטאט פון

די היינטיגע פערהעלטניסען, נאר א הייליגע ציאה פון בארבאראסא'ס צייטען*) .

פאר די טשעכען אבער האבען די זכרונות פון פערגאנגענהייט געהאט א פיעל גרעסערע בעדייטונג, איידער פאר די דייטשען. פאר זיי זענען די זכרונות געווען ניט נור אפאנטאס מאגאריע, פון וועלכער עס קאנען נתפעל ווערען פאעטען און אראטארען, ווי ביי די דייטשען, נאר אויך א לעבענס־קראפט, וועלכע האט אנגעפיהרט מיט די ניכטערע, רעאלע פאליטיקער.

די סבה דערפון איז ניט שווער צו בעגעהמען. שוין אין פערצעהנטען יאהרהונדערט איז געווען די טשעכישע נאציע אין אנפאנג פון איהר היינטיגער נאציאנאלער בעוועגונג, און ווי גרויס האט געדארפט אויסזעהן אין איהרע אויגען איהר פערגאנגענהייט—די צייט פון די הוסיטען, פאר וועלכע ס'האט געציטערט די דייטשע מלוכה,—די צייט פון א-אקאר II, דעם קעניג פון בעהמען, וועלכער האט בעהערשט די הערצאגטימער עסטרייך, שלעזיען, קארינטיע, קריינא, מיט איין ווארט, דעם גאנצען חאר פון היינטיגער עסטרייך! אויף דאס ניי אויפשטעלען די אלטע מלוכה פון „וועגצעל'ס קרוין' איז געווען א נויטווענדיגער פארבעדינג, אום צו מאכען אויף ווייטער לעבענס־פעהיג די טשעכישע נאציאן, און די עלעמענטען פאר דיזער מלוכה האבען נאך עקסיסטירט. עסטרייך איז נאך דאמאלס ווייט געווען פון זיין איין גאנצעס. ס'האבען נאך עקסיסטירט דאס הערצאגטום שלעזיען, די גראפענשאפט מעהרען, און דער עיקר, דאס קעניגרייך בעהמען. ס'האט נאך עקסיסטירט דער לאנדטאג פון בעהמען; מ'האט מעהר ניט געדארפט מאכען איהם אומאבהענגיג פון דער צענטראלער מאכט, פערנעהמען אין איהם א שטארקע פאזיציע, און — דער יסוד צו אויפבויען די אלטע הערשאפט איז געלעגט. שטרעבענדיג צו מאכען דעם לאנדטאג אומאבהענגיג פון דער צענטראלער מאכט, האבען זיך די טשעכען בעגעגענט מיט'ן פעאדאלען אדעל, וואס האט געהערשט אין דעם שטאנדס־לאנדטאג—די ירושה פון פעאדאלער צייט. אט אזוי האט דאס בעהמער שטאאטס־רעכט געבויט א בריקעל צווישען דער טשעכישער נאציאנאלער בעוועגונג

---

*) פרידריך בארבאראסא-אמיטעלאטער ביער דייטשער קיסר, העלד פון פיעל פאלקס־פאנטאזיען.

און דעם פּעאַראַלען אַדעל. צייטענווייז, ווען דיזער פערבאַנד פלעגט אַנגעהמען אַ מעהר דעמאַקראַטישען כאַראַקטער, פלעגט ער זיך פינאַנצירען, נאָר פריהער אָדער שפּעטער, ווי ס'פלעגט נאָר האַלטען ביי אַ געפעכט מיט די ליבעראַלע דייטשען אָדער מיט'ן צענטראַליזם, פלעגט ער איבעריאַניש אויפלעבען. דער פעאָדאַלער און נאַציאָנאַלער פּאַרטיקולאַריזם האָבען איינער דעם אַנדערען די האַנד געגעבען.

און אַז אַזוי בעגעגענען מיר אין עסטרייך אַ ריהע נאַציאָנאַלע בעוועגונגען, פון וועלכע יעדערע ווערט פון איין זייט אַרויסגערופען און בעשטימט דורך געגענווארטיגע פאַקטאָרען, האָט אַ וואָרצעל אין לעבען — און אין דעם איז איהר כח, און פון דער אַנדער זייט שטרעבט זי צו פערווירקליכען איהרע ציעלען אין פאָרמען, וועלכע געהערען צום עבר, וועלכע האָבען שוין ניט קיין שום לעבענס־קראַפט, און פאָרמען וואָס אָדער זיי טויגען לחלוטין ניט, אָדער זיי וואָלטען געקאָנט אין משך פון וואָסער עס איז צייט דורכגעפיהרט ווערען דורך גוואַלט־מיטלען, וועלכע מוזען גיך פערליערען זייער קראַפט. אויף וויפיעל די נאַציאָנעלע בעוועגונגען אין עסטרייך זענען לעבענספעהיג, אויף אַזוי פיעל זענען לעבענס־אונפעהיג זייערע ציעלען. דאָס איז די סתירה, פון וועלכער עס ליידעט די ענטוויקלונג פון דיזער מדינה אין לעצטען יאָהרהונדערט, און פון וואַנען עס נעהמט זיך אָהן אַ שיס ספק איהר איצטיגע לאַגע.

כל זמן דער אַבסאָלוטיזם האָט אונטערדריקט אַלע פעלקער, פלעגט זיך די דאָזיגע סתירה ניט גאָר קלאָר אַרויסבעווייזען; זי האָט זיך, פערקעהרט, גלייך אַרויסגעזאָגט, ווי נאָר ס'האָט אויפגעהערט דער דרוק. אין די מערץ־טעג פון 1848 יאָהר האָבען די דייטשען און די אונגאַרען אָראָבגעשלײדערט דעם יאָך פון מעטערניך'ס ממשלה. דאָס זעלבע האָבען געטהון די סלאַווען. נאָר די, וועלכע האָבען ערשט געקעמפפט פאַר דער דייטשער און אונגאַרישער פרייהייט, האָבען זיך תיכף נאָך זייער נצחון גענומען דער־שטיקען די סלאַווישע אונאָבהענגיגקייט. ס'האָבען זיך געפונען ליבעראַלע דייטשען, וועלכע האָבען בעט'ן סלאַווישען קאָנגרעס אין פּראָג איינגעלאַדען ווינדישגרעץ'ן אָנגעהמען ענטשלאָסענע מיטלען געגען די משיגים, וועלכע האָבען בעגריסט די באָמבאַרדירונג

פון פראג פינקט מיט דער זעלבער שמחה, מיט וועלכער זיי האבען נים לאנג בעגריסט די ערקלערונג פון קריעגס־צושטאנד. נאר דער זעלבער ווינדישגרעץ, פון וועלכען די טשעכען האבען ערשט אזוי געליטען, האט ערווארבען די סימפאטיען פון די לעצטע, ווי נאר ער איז ארויס געגען ווין, כדי צו צוטרעטען די דייטשע פרייהייט. די זעלבע הארמאטען, וואס האבען נאר־וואס באמבארדירט פראג, זענען פון איהרע איינוואוינער מיט בלומען בעקראנצט געווארען, ווען זיי זענען אוועק באמבארדירען ווין.

דערצו זענען נאך צוגעקומען די פאסירונגען, וואס האבען זיך פונאנדערגעשפיעלט אין אונגארן. די נייע נאציאנאלע הערשאפט אין פעשט (די הויפט־שטאדט פון אונגארן) האט פאר א התחלה גענומען זיך צו פעראייניגען פערשיעדענע טיילען פון דער אלטער „סטעפאנ'ס קרוין" און מורא'דיג צו אונטערדריקען די ניט־מאדיארישע פעלקער פון דער אלטער אונגארישער מלוכה — די רומעניער, סערבען, קראאטען. און ווען די לעצטע האבען זיך נים געלאזט מרעטען מיט די פיס, האבען די אונגארען מאביליזירט אנ'ארמעע, כדי דערשטיקען די סלאווישע שטרעבונג צו אונאבהענגיגקייט. עס האט זיך אריינגעמישט דער וויענער הויף, וועלכער האט, פערשטעהט זיך, געהאלטען דעם צד פון די קראאטען, ווייל זיי זענען שונאים פון די אונגארען. דער סכסוך צווישען דעם וויענער הויף מיט די „ווידערשפעניגע" אונגארען האט זיך דורכדעם פונאנדערגעוואקסען אזוי, אז ער האט סוף כל סוף געבראכט צו נידערלעגונג פון דער האבסבורגער דינאסטיע. נאר די קראאטען אונטער דער אנפיהרונג פון יעלאטשיץ זענען געווארען שטארקע אנהענגער פון דער רעאקציע. אין חברותא מיט'ן היל פון ווינדישגרעץ האבען זיי געצוואונגען וויען זיך אונטערגעבען. מיט אונגארן האט זיך די רעאקציע צורעכענט מיט דער הילף פון רוסלאנד.

וואס עס האט ניט דערענדיגט דער אויפשטאנד פון 1848 יאהר, האבען געטוהן ענדיגען ביסמארק און נאפאלעאן III. אין די מלחמות פון 1859 און 1866 יאהרען האבען זיי בי'ן גרונד צוטרייסעלט דעם עסטרייכישען אבסאלוטיזם. דער רעש פון די הארמאטען ביי סאלפערינא און קעניגגרעץ האט געבראכט די בשורה פונ'ם ליבעראלען רעזשים. דער ליבעראליזם איז, פערשטעהט

זיך, געווען גאנץ צווייפעלהאפט, ווייל ער האט זיך לכתחלה ענטזאגט מאכען פון עסטרייך א פאלקאם מאדערנע מלוכה. דער נייער צענטראלער פארלאמענט איז געווען געגרינדעט אויף א וואהל־רעכט, ניט נאר ניט קיין אלגעמיינעם, נאר אפילו ניט קיין גלייכען: דאס וואהלרעכט איז געווען געבויט אויף פעאדאלע יסודות און האט נאך איינגעהאלטען דעם סדר פון די וואהלען לויט די שטאנדען. לכתחלה איז דער צענטראלער פארלאמענט געווען נאר א עקזעקוטיווער ארגאן פון די בעזונדערע לאנדטאגען, פון וועלכע ער פלעגט אויסגעקליבען ווערען. ערשט אין 1873 יאהר זענען איינגעפיהרט געווארען דירעקטע וואהלען אין בעזונדערע וואהל־קרייזען. עסטרייך איז ניט נאר קיין דעמאקראטישע, נור אפילו קיין בורזשואזע מלוכה נאך ניט געווארען. — ווי נעמען ס'איז אבער ניט געווען דיזער ליבעראליזם, האט ער דאך געמוזט געבען די פעלקער פון עסטרייך לכל הפחות חאטש א שטיקעל פערקעהרס־פרייהייט. און דאס נופא הייסט שוין, אז יעדער ווייטערדיגער טראט פונ'ם דייטשען צענטראליסטישען ליבעראליזם איז א טראט צום קבר.

די הערשאפט פונ'ם דייטשען צענטראליסטישען ליבעראליזם פאנגט זיך אן מיט'ן אבזאגען זיך פון דער איינהייט פון עסטרייך־אונגארן, ס'איז אנערקענט געווארען די זעלבסטשטענדיגקייט פון דער אונגארישער מלוכה, און דאס בעדייטעט במילא ניט נור די זעלבסט־שטענדיגקייט פון דער מאדיארישער נאציאן, נור אויך איהר הערר־שאפט איבער די רום־ניער, סלאווען און דייטשען. די דייטשע ליבעראלען האבען עס געגעבען פאר א זיכערען מיטעל, כדי פונאנדערבינדען זיך די הענד און „מאכען א מאלק" מיט די מערבי־עסטרייכישע סלאווען.

נאר ניט קוקענדיג אויף אלע צוואנגס־מיטלען, איז דאך די דייטשע בורזשואזיע ניט געווען בכח ביים צושטעהן דעם פעראייניגטען דראנג פון פיעראלען אדעל, קליינבירגערליכע פויערשע עלעמענ־טען אין די אלפען־לענדער און סלאווען. די טיראלער, דאלמאטען און פאליאקען האבען געמאנט בעזונדערע רעכטע; די לעצטע האבען זיך בעסלעכוויז דערשלאגען כמעט א פאלקאמע אוטאנאמיע פון גאליציען, ד. ה., אזוי אקוראט ווי אין אונגארן, ניט נאר די

זעלבשטענדיגקייט פון דער אייגענער נאציאן, נור איך איהר הערשאפט איבער אנ'אנדערער — איבער די רוסינען.

די דייטשע בורזשואזיע האט אנגעווענדעט אלע איהרע כח'ת אויף פערניכטען די משעכישע נאציאנאלע בעוועגונג, די וויכטיגסטע און געפעהרליכסטע פאר איהר. דאס ערקלערט זיך מיט דעם, וואס בעהמען איז געווען די רייכסטע לאנד פון מאנארכיע, און די פריווילעגיע צו עקספלואטירען זי האט געהערט דער דייטשער בורזשואזיע. בייקומען די משעכען איז איהר אבער ניט בעשערט געווען. אין דעם שטרעבען פערקנעכטען זיי האט די דייטשע בורזשואזיע גע'פטרט איהרע בעסטע כח'ת. ווען זי זאל זיך פעראייניגען מיט דער משעכישער דעמאקראטיע, וואלט זי געקענט אראבווארפען די רעסטען פון פעאדאליזם און אליינהערשאפט. פערקעהרט־זשע, דער קאמפף פון דעם דייטשען בורזשוא מיט'ן משעכישען האט נור פערשטארקט די פעאדאל־קלעריקאלע רעאקציע.

אין סוף פון 1870 יאהר איז שוין דער דייטשער ליבעראליזם געווען מאכטלאז, און די אלטע עסטרייכישע רעגירונגס־סיסטעם וואלט געקענט איבער א נייעם רוהיג אנהייבען ארבייטען, ווען ניט די עקשנים — משעכען, וועלכע פלעגען ענערגיש ווידערשטעהן דער וויענער צענטראלער רעגירונג. זיי האבען ניט אויפגעהערט צו מאנען די פערווירקליכונג פון זייער שטאאטס־רעכט, ד. ה., אז די לענדער פון „ווענצעל'ס קרוין“ — בעהמען, מעהרען און שלעזיען — זאלען, גלייך ווי אונגארן, ווערען אונאבהענגיג. דערביי האבען זיך די משעכען אלס א שטענדיגע אפאזיציאנעלע פארטיי ארויסגעוויזען זעהר דעמאקראטיש. דער מיניסטער טאאפע מיט זיינע אלטע דרכים און נייע רמאות, האט זיך אפילו געפרובט זיי אונטערקויפען; מיט כח איינשטילען זיי האט מען שוין ניט געקאנט. איהם האט זיך טאקע איינגעגעבען דורך איניגע קאנצעסיעס אבשלאגען די מעהרהייט פון די משעכישע פאליטיקער, די אלטמשעכען, סיי פון זייערע שטאאטס־רעכטליכע, סיי פון זייערע דעמאקראטישע שטרעבונגען. נאר די משעכישע נאציאן האט זיך ניט געלאזט אונטערקויפען דורך געלד מתנות, טאאפע האט אויסגעפיהרט מעהר ניט, אז די אלטע משעכען האבען אין גאנצען

באנקראטירט, און אין אנפאנג פון די ניינציגער יאהרען זענען זיי אינגאנצען ארויסגעשטויסען געווארען דורך די ראדיקאלע יונג־טשעכען.

מיט דעם האט זיך טאאפע׳ס לאנד־חכמה זויסגעשעפט. מיט די מיטלען, וועלכע די עסטרייכישע רעגירונגס־קונסט האט ביז איצט אנגעווענדעט, האט מען שוין מעהר די מדינה־איינהייט פון עסטרייך ניט געקענט אונטערהאלטען. כ האט געמוזט איבערפּרובירען א נייעם וועג; דאס, וואס פעראייניגט דייטשלאנד, האט איך געדארפט פעראייניגען די „קרוין־לענדער": טאאפע האט געוואלט איינפיהרען דאס אלגעמיינע וואהל־רעכט, וועלכע האט אויך געדארפט ברענגען דערצו, אז דער מעכטיגער שטראם פון דער אלק־וואקסענדער פראלעטארישער בעוועגונג זאל אנהויבען פליסען רוהיגער און שטילער.

דאס קאאליציאנס־מיניסטעריום האט בעוויזען, אז רעגירען עסטרייך געגען דעם ווילען פון די טשעכען איז שוין מעהר ניט מעגליך, און באדעני׳ס טרל האט געוויזען—אז נאך ווייניגער קען מען רעגירען די דייטשען להכעיס. טיטש׳ס מיניסטעריום וועט א פנים, בעשערט זיין דינען פאר א בעווייז, אז ביי די עקזיסטירענדע יסודות קען מען אויך ניט רעגירען גלייכצייטיג די טשעכען מיט די דייטשען.

וואס־זשע וועט איצט זיין? אין עסטרייך, אפנים, קומט שוין אן דער סוף פון דער גאנצער פארלאמענטארישער פערוואלטונגס־קונסט, און פיעלע האבען שוין מורא, דער אבסאלוטיזם זאל צוריק ניט לעבעדיג ווערען. אנ׳אומזיסטער פחד! דער אלטער צענטראליזירטער אבסאלוטיזם איז אונמעגליך אין דער היינטיגער, הויפט־זעכליך סלאווישער, עסטרייך. דער אבסאלוטיזם, וועלכער בעשטעהט אין דעם, אז די וויענער ביוראקראטיע זאל רעגירען מיט דער גאנצער מדינה ניט צוזאמען דורך איין פארלאמענט, נאר דורך 17 לאנדטאגען—אזא אבסאלוטיזם איז אנ׳אבסורד. אויב די עסטרייכישע מאנארכיע וויל ניט האלטען אפען די טהיר פאר אלע סעפאראטיסטישע שטרעבונגען, וועט זי אזוי, ווי די גערמאנישע אימפעריע, זיך ניט קענען בעגעהן אן א צענטראלען פארלאמענט.

דאס אליין אפילו, ניט רעדענדיג פון אנדערע פאקטארען,

וועלכע דערלאזען ניט קיין אלײנהערשענדען רעזשים, מאכען איהם איצט אין עסטרייך לחלוטין אונמעגליך. לעזען די אלע איצטיגע שוועריגקייטען דורך דאס אריינמישען זיך פון אויסערליכע קרעפטע איז איצט פונקט אזוי אונמעגליך, ווי דורכ׳ן אבסאלוטיזם. אין עסטרייך זענען פאראן דייטשען, וועלכע זענען נאך געװוג המימות׳דיג צו גלויבען, אז זייערע ברידער פון אימפעריע וועלען זיך אריינמישען און העלפען אבוועהרען דעם סלאווישען דראנג. אין גערמאניע טפא אבער ליגען אזוינע חלומות קיינעם אין זינען ניט.

דער „נייער קורס" אין גערמאניע איז בלי ספק זעהר נוטה צו אוואנטיורעס. ער האט קיין מורא ניט, צוליעב איין קויהלען־סטאנציע אויפרוהרען די גאנצע מזרח־אזיאטישע פראגע און שטעלען אין קאן דעם אלגעמיינעם שלום. דערביי בראקירט ער ניט מיט מיטלען, גאנץ ענליכע צו די, מיט וועלכע עס האט זיך בענוצט דער מפורסם׳דיגער ענגלענדער דזשעמסאן*). ס׳איז אפילו פאראן א גרויסע נפקא־מינה צווישען דעם אנפאל אויף טראנסוואל און פערחאפען קיאא־טשאאו. אין טראנסוואל האבען מיר א פריוואטע אונטערנעהמונג פון א קליינעם הייפעלע אוואנטיורעס־מאכער, וועלכע האבען ערוואגט צו אנפאלען אויף א שונא, וועמענס קענען בעגעהן זיך מיט געוועהר האבען שוין די ענגלענדער ניט איין מאל אויף זיך אויסגעפרובירט. ביים פערהאפען קיאא־טשאאו האבען מיר א נ׳עסק מיט אנ׳אפיציעלע אונטערנעהמונג פון א גרויסער און א שטארקער מלוכה געגען א מלוכה׳לע, וואס איהר שוואכקייט און שוטצלאזיגקייט זענען געווארען כמין משל. ווען מיר וואלטען וועלען רעדען פון טאפפערקייט, קען שוין עס ניכער געהן אויף דזשעמסאן׳ס אנפאל.

נור דאס איז מעהר ניט דרך אגב. ווי הויך מיר זאלען ניט אבשאצען די דורשט פונ׳ם נייעם קורס צו שווינדלערייען, איז ער דאך פונדעסטוועגען ניט אויף אזוי פיעל אומגעלומפערט, אום אריינצוטרעטען אין עסטרייך, כדי העלפען שטעלען זיך אויף די פיס דעם גערמאניזם, וועלכער האט — א חוץ גאט — פאר קיינעם

*) דער וואס איז אנגעפאלען אויף טראנסוואל.

קיין מורא ניט. ש׳זיין ניט רעדענדיג דערפון, וואס די עסטרייכישע מאנארכיע האט נאך געמוג כח אום צו ווערהרען זיך, וואס ניט נאר די סלאווען, נאר אויך די דייטשען פון די אלפען־לענדער וועלען פערצווייפעלט מיט די לעצטע כחות בעשיצען זייער אונבעריהרבארקייט, ניט רעדענדיג פון דעם, וואס יעדער נסיון צו רויבען די זעלבסשטענדיגקייט פון עסטרייך וואלט ארויסרופען אנ׳אימה׳דיגע וועלט־מלחמה — וואס וואלט דא אין בעסטען פאל געווינען פרייסען־דייטשלאנד? אריינברענגען צו זיך א זעלכע עלעמענטען, וואס וואלטען סוף כל סוף מבטל געווען די גאנצע פרייסישע העגעמאניע אין אימפעריע. און צוליעב דעם זאל דאס די פרייסישע רעגירונג וועלען אונטעררייסען א געזעצליכע קרוין? ס׳זיינען שוין א וועק די צייטען, ווען די פרייסישע רעגירונגען האבען ריזיקירט צו בענוצען זיך מיט אזויגע רעוואלוציאנערע מיטלען.

די עסטרייכישע דייטשען האבען גארנישט וואס צו ווארטען פון די גערמאנישע דייטשען, חוץ מאראלישען צארן פון איינגע שרייבער און רעדנער. די האפנונגען פון די ערד־רייטשער זיינען ניט מעהר ווי חלומות, וועלכע זאגען עדות אויף דער פערפלאנטערטקייט פון׳ם מצב. קיין אויסוועג פון לאבירינט ווייזען זיי ניט. אויב ס׳איז נאר מעגליך בייקומען די היינטיגע שוועריגקייטען, איז בלויז פון אינווייניג, ניט פון אויסערן.

II.

אין וואס בעשטעהט די גאנצע שוועריגקייט פון דער איצטיגער לאגע? אין דער סתירה, וועלכע ליגט צווישען די לעבענספעהיגע נאציאנאלע בעוועגונגען און די מאכטלאזע, אבגעלעבטע פארמען, צו וועלכע זיי שטרעבען. די נאציאנאלע בעוועגונגען אין עסטרייך שטרעבען צו דערגרייכען און בעפעסטיגען ניט אזויגע פארמען, וועלכע זאלען גאראנטירען די זעלבסשטענדיגקייט פון די נאציעס, נאר אזעלכע, וואס זיינען פעסט צונויפגעבונדען מיט דער אונזעלבסשטענדיגקייט פון בעזונדערע נאציעס אדער טיילען פון נאציעס. אזוי טהוען די פאליאקען, רייטשען, אונגארען און טשעכען. די

פערווירקליכונג פונ'ם טשעכישען שטאטס־רעכט בעדייטעט ניט נאר די זעלבשטענדיגקייט פון די טשעכען אין בעהמען, מעהרען און שלעזיען, נאר אויך זייער הערשאפט איבער'ן דייטשען מיעוט אין דיעזע לענדער. און דאס איז די הויפט-סבה פון דעם, וואס עס האט זיך פונאנדערגעברענט איבער גאנץ עסטרייך ביי אלע דייטשען זייער ניט לאנגאנינגע שנאה צו די טשעכען. דער בעפעהל וועגען די שפראכען איז אליין פאר זיך א גאנץ אונשולדיגע זאך, וועלכע איז טיילוויז מסוגל צו אויסבעסערונג, און אפילו אין זיין איצטיגען געשטאלט איז ניטא קיין שום סכנה פאר דער דייטשער נאציע. מ'האט איהם אבער אנגענומען פאר א קול מבשר פון דער בעהמישער מלוכה, א התחלה פון איבערגעבען די דייטשען אין בעהמען דער איבערהאנד פון די טשעכען, און דערפאר האט עס אויסגעבראכען אזא שטורם. און באדעני מיט זיין חיטרען גסין איינצושטילען, האט איהם אזוי פיעל דעם שטורם פערגרעסערט, אז דער לעצטער האט אומגעשטירצט דעם פוילישען גראף זעלבסט.

דער צענטראליזם איז שוין אין עסטרייך אונמעגליך. עסטרייך קען נאך עקסיסטירען נאר אלס א פעדעראטיווע מדינה. נאר דער פעדעראליזם פון די אלט־פרעגקישע „היסטאריש־פאליטישע אינדיווידואליטעטען", דער פעדעראליזם פון היסטארישע מלוכות און לענדער איז שוין אויך לעבענס־פעהיג ניט מעהר אוידער דער צענטראליזם.

ס'בלייבט נאר איין וועג: **פעדעראליזם פון נאציא־נאליטעטען**, מבטל זיין די טראדיציאנאלע פראווינץ־גרענצען, בעגייען עסטרייך אויפ'ן יסוד פון די שפראכען־פערשידענהייטען.

די פיהרער פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציע האבען געוואוסט, וואס זיי טהוען, בעת זיי האבען מבטל געווען אלע אלטע פראווינץ־גרענצען און איינגעפיהרט א נייע איינ־ארדנונג אין פארם פון דעפארטאמענטען. מיט דעם האבען זיי בעשאפען פאר דער מדינה־איינהייט דעם שטארקסטען פונדאמענט, האבען איין מאל פאר אלע מאל גע'פטר'ט דעם פעאדאלען פארטיקולאריזם, האבען בכלל צוגענומען ביי די פעאדאלע זכרונות זייער סאמע פעסטען שטיצפונקט.

אזא מין בעגייאונג מוז איצט אויך האבען עסטרייך. א סות

צו דעם פעראלען פעקעל פון שטאאטס-רעכט, וועלכע שטעלען אין אונמענליכע בערינגונגען די היינטיגע נאציאנאלע בעוועגונגען; א סוף צו די טעריטאריאלע גרענצען, וועלכע צוברעכען גאנצע נאציעס, אראב די גרענצען, וועלכע שמידען צונויף בעזונדערע נאציעס און ברייננען צו האס און פיינדשאפט צווישען אזעלכע פעלקער, וועמענס געמיינזאמע ארבייט, ביי פרייהייט און גלייכבערעכטיגונג, וואלט געקענט מאכען עסטרייך פאר איינע פון די סאמע קולטורעלע מדינות, און וועמענס מחליקת שטערט און פערהאלט יעדען פראגרעס.

אפילו די דייטשען הויבען שוין דאס אן צו פערשטעהן און פרובען זיך ארויסשטעלען די פאדערונג פון צוטיילען בעהמען אדמיניסטראטיוו אויף 2 געגענדען: דייטשע און טשעכישע. יעדער געגענד זאל האבען זיין שפראך אין די שולען און איינריכטונגען מיט א אייגענער פערוואלטונג. נאר די ביידע געגענדען דארפען בילדען דעם בעהמישען לאנדטאג מיט 2 קוריעס, וועלכע וואלטען טארמאזירען איינע דער אנדערער די ארבייט, ווי די דעפוטאטען־פאלאטע און די הערען־פאלאטע. דאס איז געוועזן דער יסוד פונ'ם שלום, וועלכע עס האבען געשלאסען די דייטשען און די אלט־טשעכען ביי דער פערמיטלונג פון טאאפע'ס מיניסטעריום אין 1890 יאהר, וועלכער איז אבער צושטערט געווארען דורכ'ן ערפאלג פון די יונג־טשעכען. דיזער שלום־אבמאך איז א לאטע אויפ'ן ריין־עסטרייכישען שטייגער. די רעפארם שטעלט זיך מיט מורא אב פאר'ן שאטען פונ'ם לאנג פערשטארבענעם בעהמישען קעניגטום. די צוואנגס־פעראייניגונג פון די טשעכען מיט די דייטשען אין אן אלגעמיינע פערוואלטונג האלט זיך אויף ווייטער, דער שארפער מיטעל, די קוריעס, וואס פאסט אקוראט צו דער פעראלטער צייט, ווערט גערעכענט פאר א נייע ערפינדונג, און אנשטאט דערגעהענטערען זיך אויף א שריט צו היינטיגער איינהייטליכער מדינה, קריכט מען צוריק צום פעאדאלען פארטיקולאריזם.

די היינטיגע איינהייטליכע מדינה קען זיך גוט איינלעבען מיט א ברייטע זעלבסטפערוואלטונג פון זיינע איינצעלנע טיילען, אבער נאר מיט אזא זעלבסטפערוואלטונג, וועלכע גיט גלייכע רעכט אלע טיילען. טיילען אבער בעהמען אויף 2 חלקים בעדייטעט נאר נייע

פריווילעגיעס פאר באזונדערע שיכטען פון דער בעפעלקערונג אין
א איינצעלנער פראווינץ. פון אזא רעפארם ביז ארגאניזירען עסטע־
רייך אויפ'ן יסוד פון נאציאנאליטעטען איז אזוי ווייט, ווי עס איז
ווייט פון א פינפטע קוריע ביז דער אידעע פון איין פארלאמענט
אויפ'ן גרונד פון אלג., גלייכע, דירעקטע און געהיימע וואהלרעכט.
דאס וואלט טאקע גאראנטירט די דייטשען אין בעהמען פון דער
אויבערהאנד פון די טשעכען, נאר אפילו אין בעהמען וואלט עס
ניט מאכען קיין סוף צו די נאציאנאלע קריגעריייען. די ביידע
קוריעס וואלטען געווען גענוג שטארק, אום צו מאכען איינע די
אנדערע אונבעדייטענד. און די פראגע וועגען טשעכען אין מעהרען
און שלעזיען, די רוסינען אין גאליציען, איטאליענער אין טיראל,
סלאווען אין שטיריע און קארינטיע — וואלט בלייבען ניט געלעזט,
ווי געוועזען. און אלץ ווייטער וואלטען געטליעט די פונקען פון
נאציאנאלען שאוויניזם, וואלטען איבער א נייעס אויפגעפלאקערט,
פונאנדערגעברענט זיך און וואלטען פערצויגען די איצטיגע לאגע
אהן א שיעור.

די דייטשען דארפען אבגעטיילט ווערען פון די טשעכען אין
בעהמען; מ'דארף זיי אבער אין גאנצען צוטיילען, און ניט צזאַ־
מענגעהמען זיי נאך א מאל אין איין לאנדטאג. צוליעב דעם מוז
מען אלע געגענדען מיט טשעכישער שפראך אין בעהמען, שלעזיען,
מעהרען, אלע געגענדען, וועלכע שליסען זיך צוזאמען, פעראייני־
גען אין אויטאנאמיע קרייזען אויף די זעלבע רעכטליכע יסודות, ווי
דער דייטש־בעהמישער דעפארטאמענט אדער קאנטאן. דאס זעלבע
דארף מען אויך טהון אין אנדערע פראווינצען, וואו די בעפעלקערונג
רעדט אויף פערשידענע לשונות.

נור אזא מין אלזייטיגע און פרינציפיעלע לעזונג
פון דער שפראכען פראגע — וואלט געקאנט געבען עסטרייך א נאציאנא־
לען שלום. זי וואלט ניט מבטל געווען תיכף ומיד די טראדיציאנע־
לע, טיעף איינגעווארצעלטע היפוכים, זי וואלט אויך ניט בעזייטיגען
די נאצ. פראגען פון א קלענערע בעדייטונג, ווי כדומה למשל, די
פראגע מכח איינטיילען די שפראך־געגענדען, אדער מכח דעם
נאציאנאלען מיעוט אין קליינע שטעדט, (ווי די דייטשען אין פראג
און די טשעכען אין ווין); נאר דיזע אלע פראגען וואלטען ניט

געקאנט שטערען און וואלטען געמוזט אבטרעטען אן א זייט פאר וויכטיגע אלגעמיינע מלוכה־פראגען, ווענען פאליטישע און סאציאלע רעפארמען. זיי וואלטען ניט געהערט אין אלגעמיינעם פאליטישען לעבען און וואלטען איהם ניט געשטערט.

פון וואנען־זשע דארף אנקומען דער כח, וואס זאל אזוי לעזען די נאציאנאלע פראגע? די פעדעראל־קלעריקאלע עלעמענטען, וועלכע זענען איצט די הויפט־בעלי־בתים אין עסטרייך, וועלען מיט אלע כחות זיין געגען אזא לעזונג, ווילענדיג זיך האלטען שטייף אן דאס אלטע; זיי ווילען אויסנוצען דערצו דעם גאנצען כח פון זייערע ציינער און נעגעל, — די נאציאנאלע שנאה און סעפאראטיסטי־שע טראדיציעס זענען דאך א פעסטער פונדאמענט פאר זייער מאכט. די פיינדליכע נאציעס דארפען זיך פעראייניגען ארום דער צוועק מעגליכער לעזונג פון דער שפראך־פראגע, כדי האבען די מעגליכקייט אנצווארפען דיזע לעזונג דער פעדעראל־קלעריקאלער מאכט. נאר גיטע האפענונגען אליין זענען אבער צו דעם ווייניג. קיין נאציע האלט ניט ביי׳ם אבטרעטען א טראט־ערד, זיי זענען אלע גלייך ווייט פון אנער־קענען גלייכע רעכט פאר אלעמען. די זעלבע דייטשען, וועלכע פאדערן די חלוקה פון בעהמען אויף צוויי טיילען, וואלטען געוועזען העכסט אין כעס, ווען זיי זאלען דארפען טיילען שלעזיען אויף 3 חלקים — דייטשע, פוילישע, און טשעכישע, אדער צוטיילען אויף 2 טיילען שטיריע און קארינטיע און פעראייניגען די סלאווישע טיילען פון די פראווינצען מיט קריינא צוזאמען אין איין פראווינץ פון סלאווישער שפראך.

די פאזיציע, וואס די קליין־בורזשואזיע מיט׳ן קליין־פויערטום פערנעהמען אין דער פראגע, מאכט אויך די לאגע ניט גרינגער.

ביז איצט האבען מיר אונטערגעצייכענט נאר די מאמענטען פון דער עסטרייכישער געשיכטע, וועלכע קענען קלאר מאכען די בעזונדערהייטען פון איהר נאציאנאלען קאמפף. אין דער זעלבער צייט איז אלין געגאנגען פארווערטס די סאציאלע און פאליטישע ענטוויקלונג פון עסטרייך, צוזאמען מיט דער ענטוויקלונג פון אנדערע לענדער אין אייראפע. אימעטום בעמערקען מיר אין סוף פון די 60־ער יאהרען די פערברייטערונג פונ׳ם וואהל־רעכט וועלכע האט זיך פערשפרייט אדער אויף אלע קלאסען, אדער לכל

הפּהות אויף דער קליין־בורזשואזיע און פּויערטום. נאר א יוּ וויפיעל דיזע קלאסען האבען זיך געלערנט אויסנוצען זייער רעכט און אנערקענען זייער קראפט, האבען זיי זיך אנגעהויבען ענטזאגען פונ׳ם בורזשואזען ליבעראליזם, פון וועלכען זיי זענען ביז איצט געווען אנהענגער. פיל מיט האפנונגען האבען די קליינבירגער און די פּויערים געווארט, אז דער נצחון איבער׳ן פעאדאליזם און אבסאלוטיזם וועט זיי עפענען א וועג צום בורזשואזען וואוילשטאנד; אנשטאט דעם האט דער קאפּיטאליזם פאר׳ן גרויסען רוב פון זיי געעפענט א וועג צו פּראלעטאריזאציע.

וואס ווייניגער דער ליבעראליזם האט זיי געקענט העלפען אין זייער ווידערשטאנד צו דיזען פּראצעס, אלץ מעהר פלעגען זיי זיך אבטרייסלען פון איהם; נאר אלץ מיט מעהר פרישקייט פלעגען זיי זיך נעהמען צו פּאליטישער טהעטיגקייט און דער האפנונג געפינען א השועה ביי דער מלוכה, וועלכע האט זיי ניט געוואלט געבען דאס רעכט פון „זעלבסטהילף". א שטיקעל ווירקונג האט דא איך געהאט די סאציאל־דעמאקראטיע מיט איהר רופען דעם פּראָ־לעטאריאט ערקעמפּפען די מלוכה־מאכט, כדי צווינגען זי צו דיענען זיינע ציעלען, די פּראלעטאריער אבער וועלען ערקעמפּפען די מלוכה־מאכט, כדי דורך איהר צו פערניכטען אלץ, וואס גיים שטערט צו דער עקאנאמישער ענטוויקלונג; די קליינבירגער אבער, וואס האלטען ביי פאלען, ווילען די ערקעמפּפטע מאכט אנטקעגענ־שטעלען דער עקאנאמישער ענטוויקלונג. די סאציאל־דעמאקראטיע קוקט אויף דער מלוכה־מאכט, ווי אויף איינעם פון די מיטלען צו איבערבויען די עקסיסטירענדע געזעלשאפטליכע ארדנונג אין א העכערע, אין די אינטערעסען ניט נאר פון דעם פּראלעטאריאט, נאר פון דער גאנצער געזעלשאפט. די יורדים — קליינבירגער אפּעליר־ען צו דער מלוכה־מאכט, ווי צו א מיטעל פערא יבינען דאס, וואס איז פערבליבען פון דער מיטעלאלטערליכער פּראדוקציאנס־פארם און רעטען די שטארבענדע שיכטען, מאכענדיג זיי פאר קעסט־קינדער ביי דער מלוכה, וועלכע זאל זיי דארפען אויסהאלטען אויפ׳ן חשבון פון דער געזעלשאפט.

די מין מלוכה־הילף איז פונקט דער היפך פון סאציאליזם, זי איז גאנץ ענהליך צו דעם מין הילף, מיט וועלכען ס׳האט אונטער־

געהאלטען זיין קיום דער פעאדאלער אדעל, זינט זיין עקאנאמישע מפלה. דערפאר איז די חברותא פון די קליינבירגערליכע און אגרארע „גואלים" פון „נאציאנאלער ארבייט" ווי אנגעבארען; דער דאזיגער בונד האט געבראכט צו דער מפלה פון בורזשואזען ליבעראליזם און ער איז געווארען א כאראקטעריסטישער סימן פון דער פאליטיק פון איראפעאישען קאנטינענט, נעמליך עסטרייך און דייטשלאנד.

דער דאזיגער בונד האט א סך מיטגעהאלפען צו פערשטארקען דעם פארטיקולאריזם אין דייטשלאנד, פערשטארקען די סלאווישע נאציאנאלע בעוועגונגען אין עסטרייך. פונדעסטוועגען, איז אויפלעבען די בליהונג פון די מיטעלאלטערליכע פראדוקציאנס־פארמען פונקט אזוי פיעל מעגליך, ווי איבער א נייס אויפשטעלען דאס בעהמישע מלוכה־רעכט. וואס מעהר עס וואקסט די נויט פון די קליינבירגער און פויערים, אלץ מעהר ווערען וואקסען זייערע תביעות צו דער מלוכה. נור דיזער וואקסענדער כח איז א כח פון יאוש, וואס ווערט געפטרט אין אומזיניגע שטרעבונגען, אין שטרעבונגען, וועלכע קענען ניט פיהרען צו וועלכען עס איז כמשות'דיגען רעזולטאט.

דאס איז גאר ניט קיין מקרה־זאך, וואס — ווי ס'לאזט זיך אויס — זענען אלע אנטיסעמיטישע אנפיהרער מיני לצים, מנובלים, אדער גלאט עם הארצים, אייב ניט אלץ צוזאמען. מ'דארף האבען זעהר א סך עם הארצות, לייכטזיניגקייט אדער שטות'עריי, כדי ביי דעם איצטיגען וואוקס פון קאפיטאליזם, ביי די נסיונות פון די לעצטע צעהנדליגער יאהרען זאל מען געבען א האפנונג די שטארבענדע שיכטען אויף אנלעצענדע אויפלעבונג פון די פארהונדערט־יאהריגע ווירטשאפטס־פארמען. און צוגלייך איז ניט צופעליג דאס, וואס די מאסען פון „קריסטליך סאציאלען" פאלק בלייבען געטריי זייערע מנהיגים, ווי קלאר ס'זאל זיך ניט ארויסווייזען די נידערטרעכטיגקייט און שטות פון די לעצטע: דער וואס טרינקט זיך חאפט זיך, אן פאר א שטרוי.

נאר דיזע טרייהייט בלייבט דאך ניט אויף שטענדיג. אויבען האבען מיר שוין אנגעוויזען, אין וואס פאר א היפוכים עס דרעהט זיך די קליין־בורזשואזיע. דאס זעלבע וועט אויך זיין, ווען זי וועט

פערלירען אין גאנצען איהר עקאנאמישען שטיצפונקט. דאמאלס פער־ליערט זי נאך מעהר יעדע נארמאלע שטיפקייט און ווארפט זיך פון איין ברעג צו'ם אנדערען. פאר די היינטיגע קליינבירגערליכע אגרארע עלעמענטען איז די פאליטיק פון „הין און צוריק" דער בעסטער רעגירונגס־מעטאר. און דארט, וואו די מלוכה טהוט עס ניט גאר גערן, בעשאפען זיי זיך אייגענע „גבורים" פון דער „הין און צוריק"־פאליטיק — בעשאפען זייערע בולאנזשעס און לוענערס.

מ'קען שוין פערשטעהן, וואס פאר א פועל יוצא קומט ארויס דערפון, וואס די קליין־בורזשואזע אגרארע שטרעבונגען גיסען זיך צונויף מיט די נאציאנאלע בעוועגונגען. דאס מוז פערשטארקען די רעאקציאנערע טענדענצען און די קורצזיכטיגקייט פון די נאציאנאלע בעוועגונגען, און גלייכצייטיג אס מעהרסטען פערשארפען די נאצ־יאנאלע היפוכים. וואס מעהר האפנונגס־לאז ס'ווערען די פאקטישע פערהעלטניסע פאר די קליינבירגער, אלץ מיט מעהר התמדה זוכען זיי פערזאנען — אלס א שעיר לעזאזל, אויף וועלכע אויסצולאזען זייער משוגענעם כעס. די היסטארישע טראדיציעס און די סאציאלע לאגע וויזען זיי אן דארט, וואו ס'איז ניטא קיין אנדער נאצ. געגענזאץ — אויף די יודען, ווי אויף „נאטירליכע" שונאים: דארטען זשע, וואו ס'געפינט זיך אן'אנדער נאציאנאלער געגנער ניסט זיך אויף איהם אויס דער גאנצער צארן, וועלכער האט זיך ביי זיי אנגעקליבען איבעריג־פול דורך דעם, וואס זייער ווידערשטאנד איז מאכטלאז געגען דער אונברחמנות'דיגער עקאנאמישער ענטוויקלונג.

ווענינגער פון אלץ קען מען ביי היינטיגע צייטען האפען, אז דער קליינבירגער זאל זיך ציעלען צו נאציאנאלען פריעדען.

נאר איין קלאס אין עסטרייך שטרעבט אויף אנ'אמת צום נאצ. שלום און האט איהם דורכגעפיהרט שוין אין זיינע אייגענע רייהען — דאס דער פראלעטאריאט, אויף וויפיעל ער האט זיך בעפרייט פון קליין־בירגערליכע השגות און איז דורכגעדרונגען מיט'ן פראלעטארישען קלאסען־בעוואוסטזיין.

מיר האלטען זיך ניט פאר קיין פערבלענדטע חסידים פון פראלעטאריאט. ווייל מיר זענען איבערצייגט, אז איהם געהערט די צוקונפט, וועלען מיר בשום אופן ניט פערשוויינען די חסרונות,

וועלכע ער האט לעת עתה. קיינער וועט אבער ניט אבלייקענען, אז דער פראלעטאריאט איז שוין איצט אריבערגעוואקסען די קליין־בורזשואזיע מיט זיינע ידיעות, אינטעלעקטועלען כח, פאליטישער ריפהייט; אז נאר די סאציאל־דעמאקראטיע שטייט אויבער מיט די ברייטקייט פון איהרע היסטארישע בליקען אלע דעמאקראטישע פארטייען; אז זי איז די איינציגע צווישען אלע פארטייען, וואס עקסיסטירען אצונד, וועלכע פיהרט איהר פאליטיק, ארויסגעהענדיג פון שטענדיגע וויסענשאפטליכע הנחות און ניט פון דער אדער יענער שטימונג אין דעם אדער אין יענעם מאמענט.

אין עסטרייך אבער איז די ס. ד. נאך עטוואס מעהר פון ד. ס: ווען מ'זאל ניט רעכענען דעם הייפעל בורזשואזע דעמאקראטען און „סאציאל־פאליטיקער" אין וויען, איז זי דארט די איינציגע געגענווארטיגע פארטיי, ריכטיגער, די איינציגע געגענ־ווארטיגע פארטיי, מיט וועלכער מ'קען זיך רעכענען. די אלע איבעריגע פארטייען, אויך די פארטיי פון בורזשואזען ליבעראליזם אין כלל, זענען צוגעשמידט, ווי מיר האבען געזעהן, צוליעב זייערע נאציאנאליסטישע טראדיציעס, צום אידעאל פון פערגאנ־גענהייט. אין גאנץ מזרח־אייראפע האט זיך ארויסגעוויזען, אז די בורזשואזיע איז אונפעהיג מאכען אנ'עק מיט די רעשטען פון פעאדאליזם און אבסאלוטיזם, אומעטום האט זי איבערגעגעבען דער ס. ד. די היסטארישע איפגאבען, וועלכע זי איז געוועזען בערופען צו לעזען. נאר בעזונדער ווייזט זיך דאס ארויס אין עסטרייך, וואו די בורזשואזע פארטייען, אנשטאט צו שטערצען די אלטע חורבות, שטרעבען נאך זיי צו בעפעסטיגען.

דארט איז די ס. ד. די איינציגע פארטיי, וועלכע שטרעבט צו בויען די מדינה אויף מאדערנע יסודות און וועלכע איז זעלבסט פעראינטערעסירט צו ארבייטען אין דער ריכטונג. דער פראלעטאריאט, פערשטעהט זיך, פיהלט זיך ניט מחויב ביי אלע אומשטענדען צו שטעהן פאר די גאנצקייט פון איצטיגען עסטרייך. ווען די דייטש: עסטרייך וואלט היינט ווערען א טייל פון דער דייטשער אימפעריע, וואלט עס קיין היזק ניט געווען ניט פאר'ן פראלעטאריאט, ניט פאר דער אלגעמיינער ענטוויקלונג. וועגען דעם אבער איז דאך, ווי מיר האבען אויבען גערעדט, גיטא

וואס צו טראכטען. די צוטיילונג פון עסטרייך בעגעגענט נאך פיעל אנדערע מניעות, א חיץ די, וועלכע ס'בעגעגענט די חלוקה פון טירקיי. אויב ס'וועט זיך ניט איינעבען מאכען עסטרייך פאר מאדערנע מדינה, וועט עס ברייננען ניט צו איהר צוטיילונג, ניט צו דער בעפרייאונג פון איהרע נאציאנאליטעטען, נאר צו אלאנגזאמען טויט. אבהענגיג פון די פאליטישע פערהעלטניסען קען דיזע גסיסה רויערען א מעהר אדער וועניגער לאנגע צייט, נאר אין אלע אופנים וועט דאס זיין א עכוב אין דעם גאנג פון דעם געזעלשאפטליכען און פאליטישען פראגרעס, און מעהר פון אלעמען וועט דערפון ליידען דער פראלעטאריאט. דער פראלעטאריאט האט האט פונקט אזוי וועניג צוהאפען אויף א „השגחה' פון אויסען, ווי אויף א „השגחה” פון אויבען. ער שטרעבט צו ארבייטען אין לאנד, וואו ער לעבט און אומענדערען זי בהסכם מיט זיינע אינטערעסען און די אינטערעסען פון דער געזעלשאפט. דעריבער נויטיגט ער זיך אין מיט דער לעזונג פון דער נאצ. פראגע, ווייל נאר דאמאלס, ווען די מדינה פון „קרוינלענדער” וועט ווערען א מדינת פון נאציאנאליטעטען, וועלכע וועלען אויטאנאם לעבען אין שכנות און צוזאמען ארבייטען, נאר דאמאלס קען ערשיינען דער קלאסען־קאמפף פון פראלעטאריאט אין דער געהעריגער פארם. די זעלבסשטענדיגקייט פון דער נאציע איז א נויטווענדיגער תנאי פאר דעם היינטיגען קלאסען־קאמפף. דאס פאלק מוז זיין פריי אין אלע פרטים — נאר דאמאלס וועט דער פראלעטאריאט זיין אימשטאנד ארויסטרעטען געגען זיין סאציאלען געגנער מיט זיין גאנצען כלי־זין. דער פראלעטאריאט צוליעב זיין נארמאלער און אלזייטיגער ענטוויקלונג נויטיגט זיך אין זעלבסטשטענדיגקייט פון זיין נאציע ניט וועניגער, איידער אין אלגעמיינע וואהל־רעכט און פרייהייט פון פערזאמלונגען און פרעסע.

דער פראלעטארישער אינטערנאציאנאליזם בעדייטעט ניט די נארוראיגונג פון דער נאציאנאליטעט, נאר די פרייהייט און גלייכבערעכטיגונג פון די נאציעס. — די איינציגע ארגאניזאציאנספארם, וואס וואלט געקענט לעגען א יסוד צו דעם נאציאנאלען שלום אין עסטרייך, איז די ארגאניזאציע פון דער עסטרייכישער ס. ד. די לעצטע שטיצט זיך אויך, אויף וויפיל עס איז נאר מעגליך, אויף

דער עקסיסטירענדער אדמיניסטראטיווער צוטיילונג פון לאנד; נאר דארט, וואו די נאציאנאלע גרענצען זיינען סותר די גרענצען פון די „מלכות און לענדער" דיענען אלס ארגאניזאציאנס־יסוד די ערשטע און ניט די לעצטע. די טשעכישע ס. ד. פון בעהמען, שלעזיען און מעהרען בילדען שוין איצט איין אלגעמיינע ארגאניזאציע, די דייטשע חברים אין די געגענדען פון דער דייטשער שפראך געהערען צו דער ארגאניזאציאן פון סאציאליסטען, וואס רעדען דייטש, די פוילישע חברים אין שלעזיען צו די פוילישע ארגאניזאציעס א. ז. וו.

„די אלגעמיינע פערטרעטונג פון דער עסטרייכישער ס. ד. בילדעט זיך פון די ארגאניזאציאנען און עקזעקוטיוו־קאמיטעטען פון דער דייטשער טשעכישער, פוילישער, איטאליענישער און דרום־סלאווישער ארגאניזאציעס" — אזוי זאגט בפירוש איינע פון די בעשטימונגען פון דער אלגעמיינער עסטרייכישער ס. ד. ארגאניזאציע, אנגענומען אויפ'ן וויענער פארטייטאג פון 1897 יאהר. ובכן האבען די ס. ד. פראקטיש דורכגעפיהרט ניט נאר די צוטיילונג פון בעהמען אויף 2 חלקים, נאר אויך די פעדעראטיווע ארגאניזירונג פון גאנץ עסטרייך לויט די שפראך־גרענצען, אויף וויפיעל דאס האט געפאדערט די ענטוויקלונג פון בעזונדערע ס. ד. נאציאנאלע ארגאניזאציעס, און אויף וויפיל דאס איז ניט קיין סתירה דער עקסיסטירענדער פאליטישער צוטיילונג פון לאנד.

די ס. ד. איז די איינציגע פארטיי אין עסטרייך, וועלכע זעצט פאראויס אין דער נאציאנאלער פראגע, ווי אויך אין אלע אנדערע פראגען ניט פשוט א פראגראם פון היינטיגען טאג, נאר א בעגרינ־דעטע, ברייטע פראגראם, וואס שטימט איין ווי מיט די אינטערעסען פון דער מאדערנער מלוכה, אזוי אויך מיט די אינטערעסען פון יעדער איינציגער נאציאן. פון כח, וואס די ס. ד. קען ארויס־ווייזען, פון די מניעות, וועלכע זי בעגעגענט, ווענדט זיך, צו וועלען — און ווען וועלען די נאציאנאלע היפוכים ווערען אבגעשוואכט און בעזיגט.

א מענשען פון דער פרעמד איז שווער צו אבשאצען, וואס פאר א האפנונגען מיר קאנען האבען אין דעם פרט; נאר אפילו פאר א פאליטיקער, וואס וואוינט אין עסטרייך, איז שווער קומען אין דעם ענין צו א בעשטימטער מיינונג. אין פאליטיק—ווי

אין מלחמה — שפיעלט דאס אונגעריכטע, דאס אונערווארטעטע א אונגעהויערע ראליע, נאר ערגיץ ניט אזא גרויסע, ווי אין עסטרייך:

„דא פאסירט דאס אונמעגליכע, דא ווערט פערווירקליכט דאס אונבעשרייבליכע"

עסטרייך איז עקאנאמיש אנ'אבגעשטאנענע לאנד, איהר פראלעטאריאט איז לפי ערך שוואך, און די בילדונג און ארגאניזירונג פון איהר פראלעטאריאט ווערט זעהר אבגעהאלטען דורך די נאציאנאלע פערשיעדענהייטען און היפוכים. נאר אויב דאס אליין איז פאר דער ענטוויקלונג פון דער ס. ד. א גרויסער חסרון, בעשאפט עס אבער, פון דער אנדער זייט, מאמענטען, וועלכע מאכען מעגליך פאר דער עסטרייכישער ס. ד. א גרעסערע פאליטישע ווירקונג, איידער עס ענטשפרעכט דער פערשפרייטונג פונ'ם סאציאליסטישען געדאנק און קלאסען־קאמפף. דוקא צוליעב די נאציאנאלע היפוכים איז זי די איינציגע ווירקליך־מאדערנע פארטיי אין עסטרייך, ד. ה., אז ווי נאר זי ערווערבט א פאליטישע ווירקונג, מוזען ביי יעדען ערנסטען בעשלוס אלע פראגרעסיווע עלעמענטען פון דער מדינה אבשטימען מיט איהר צוזאמען, ווי וויט זייערע מיינונגען זאלען זיך ניט אונטערשיידען פון די סאציאליסטישע, אלע געהן מיט איהר האנד אין האנד, מאכען זי שטארקער. אלס די איינציגע מאדערנע פארטיי האט זי ביי יעדען וויכטיגען בעשלוס אויף איהר זייט די לאגיק פון די פאקטען, וועלכע ווירקען אין איין ריכטונג מיט איהר. און צום סוף, אלס א פארטיי, וועלכע איז פעסט צונויפגעבונדען מיט א קלארען פיעלזייטיגען און ברייטען פראגראם, שטעהט זי געגען די צורודערטע און שטיצלאזע קליין־בורזשואזע מאסען פון פערשיעדענע נאציאנאליטעטען, וועלכע קענען אפשר מיט'ן זעלבען כח און היץ, מיט וועלכען זיי טרעטען היינט ארויס געגען דעם נאציאנאלען געגנער, מארגען זיך נעהמען פאר אנ'אנדער שונא, אויב דער נאציאנאלער קאמפף וועט ניט ברענגען די ערווארטעטע ישועה.

די כונות פון די קליין־בירגער קען מען ניט פאראויסזעהן. מיט 2 יאהר צוריק, ווען די גימנאזיע אין ציליע איז געווען דער איינציגער אביעקט פון נאציאנאלע מחלוקת צווישען די בורזשואזע פארלאמענטאריער, האט מען געקענט מיינען, אז א חוץ איניגע

חברה־לײט האט מעהר קײנער ניט קײן טיעפען אינטערעס צום נאציאנאלען קאמפף. פאר אײן נאכט האט די מלחמה — א היבש ביסעל טאקע צוליעב באדענער׳ס בעגעהן זיך — געקראנגען א אונגעהיער גרויסען כח, און פאר אײן נאכט קען זי אפשר װײטער, חאטש אויף אײן װײלע, אבטרעטען אין א זײט.

דאס זענען אלין מאמענטען, װעלכע מאכען דעם כח פון דער ס. ד. אין עסטרײך פיעל גרעסער, אײדער עס װאלט געדארפט זײן לויט דער קראפט און ענטװיקלונג פון איהר בעװאוסטזיניגען פראלעטאריאט. אויב די נאציאנאלע היפוכים מאכען פיעל שװערער די ענטװיקלונג פון דער עסטרײכישער ס. ד., קומט איהר דערפאר פון דער אנדער זײט צוהילף — די נויטיגקײט אויפצושטעלען א נאציאנאלען שלום, — איהר, דער אײנציגער פארטײ פון דעם ראזיגען שלום. פונקט אזוי האט די שטרעבונג צו פערניכטען די צענטראליזירונג פון דער מלוכה־מאכט אין גערמאניע געמאכט די ס. ד., אלס אײנציגע ערנסטע אפפאזיציאנס־פארטײ, שטארקער, אײדער דאס װאלט געװען צוליעב דער אײן װירקונג פון דער עקאנאמישער ענטװיקלונג און דעם ברײטען קלאסען־קאמפף.

אין איהר ארבײט פאר׳ן שלום מוז די ס. ד. פיעל לײדען פון קינסטליך־געשאפענע מניעות. דאס װאהל־רעכט, װאס איז נאר עטװאס פערבעסערט געװארען דורכ׳ן אײנפיהרען די פינפטע קוריע, גיט די קלײן־בורזשואזע אגרארע עלעמענטע, ד. ה., אקוראט די עלעמענטען, אין װעלכע עס װײזט זיך בולט ארויס די נאציאנאלע היפוכים און דער נאציאנאלער נײד, א גאנצע שורה װאהל־זכיות. די אויסבעסערונג פון איצטיגען װאהל־רעכט, די פערניכטונג פון אלע װאהל־פריװילעגיעס דורך גלײכע װאהל־רעכט פאר אלעמען, װאלט געקענט (אויב ניט דירעקט ברײנגען צום נאציאנאלען שלום), היבש פערשטארקען די עלעמענטען פון נאציאנאלען שלום און בעדײטענד שװערער מאכען די נאציאנאלע אנרײצונג.

אלג. גלײכע, דירעקטע װאהל־רעכט װאלט געקענט אויך מיט־װירקען, ס׳זאלען בטל װערען אלע קאנסטיטוציאנעלע אין פראװינציעלע חלוקים אין װאהל־רעכט, אבשװאכען דעם פאלדאלען פארט־

קולאריום, וואס שטעהט אין וועג יעדער היינטיגער פעסטער לעזונג פון דער נאצ. פראגע. אין דעם זין, וואלט דאס איינפיהרען אלג., גלייכע וואהל־רעכט געווען אטראט צום נאציאנאלען שלום.

עסטרייך ווערט ביי היינטיגער צייט רעגירט דורך א גאנצע סעריע מלוכה־איבערקעהרעניסען; די עסטרייכשע קאנסטיטוציע ענטהאלט אפילו א בעזונדער פאראגראף צו פערענטפערען זיי. א העלדענמוטיגע רעגירונג מיט א ברייטען בליק, וועלכע זאל וועלען אויף אן אמת מאכען א סוף פון דעם איצטיגען וואקלענדיגען צושטאנד, האט געדארפט, אויב זי ועהט חוץ א רעוואלוציע קיין אנדער אויסוועג ניט, בענוצען זיך מיט׳ן 14־טען פאראגראף צו א ווירקליכער רעוואלוציע, כדי אוועקשטעלען די מדינה אויף נייע יסודות, פון וועלכע דער הויפט־יסוד איז — דאס אלג. גלייכע וואהל־רעכט, מבטל זיין די פעאדאלע פראווינץ־גרענצען, בעשאפען נייע, נאציאנאלע פראווינצען.

ווער קען אבער ערווארטען אזא מין רעוואלוציאנערע טהעטיגקייט פון א עסטרייכישען מיניסטער. ניט קיין ראדיקאלע נסיונות פון וויטזיכטיגע שטאטס־מענער, וועלכע מאכען פריי דאס פעלד פאר אברייטע טהעטיגקייט, געפינען מיר ביי זיי, נאר דעם פוקסען־שכל פון בעאמטע, וועלכע זארגען נור וועגען זייער מנוחה און ווילען פטור ווערען פון ניט קיין אנגענעהמער ארבייט. די איבערקעהרעניסען, וועלכע זיי ברויכען, העלפען לחלוטין ניט צו פונאנדער פלאנטערן דעם קניפעל, אדרבה, זיי דערוויטערען נאך דאס פונאנדערפלאנטערן.

קיין זאך איז ניט אזוי אונבעקאנט און בעדעקט מיט א שלייער, ווי די צוקונפט פון עסטרייך. ס׳איז פארהאן מדינות, וואס די אומשטענדען האבען זיי ניט דערלאזען שטעלען זיך אויף מאדערנע יסודות, און זיי זענען פער׳משפט אויף א לאנגזאמען טויט. אזא מדינה איז געווען פוילען, אזא איז אויך טורקיי. דארף מען עסטרייך אויך צו רעכענען צו זיי? פון איהרע הערשענדע קלאסען קען מען ניט ערווארטען אזעלכעס, וואס זאל זיין בכח ווידערשטעהן די לעבענס־שטערענדע טענדענצען. די צוקונפט פון דער מדינה ווענדט זיך פונ׳ם כח פון דער סאציאל־דעמאקראטיע. ביי איצטיגע אומשטאנדען איז זי צוליעב איהר רעוואלוציאניזם די פארטיי,

יעֶלכע האַלט איין די עֶקסיסטענץ פון דער מדינה. נאָר א געוואלטטהעטיגע אומענדערונג פון דעם עקסיסטירענדען רעגירונגס־סיסטעם קען מאַכען עֶסטרייך לעבענס־פעהיג, ד. ה., פעהיג ניט נאָר ציהען ווי עס איז דאָס לעבען, ווי טירקיי, נאָר פעהיג צו ענטוויקלונג. אין דעם זין, ווי משונה דאָס זאָל ניט קלינגען, קען מען וועגען דער הויטער, רעוואָלוציאָנערער ס.־ד. זאָגען די זעלבע ווערטער, וועלכע עס האָט געזאָגט גרילפּארצער מיט א האלב־הונדערט יאָהר צוריק דעם העלד פון דער שווארץ־געלער רעאקציע, דעם גענעראל ראַדעצקי: אין דיין מחנה איז עסטרייך!